

BACK2BASICS

פרשת ויגש

*VAYIGASH*

# ALWAYS LEARNING

*Despite every Hardship that has befallen the Jewish nation, we have preserved our commitment to teach children Torah. Now, more than ever, we must realize the importance of this holy task, and not get distracted by the atmosphere that surrounds us.*

# פרשת ויגש

1 ג. אויפ׳ן פסוק ואת יהודה שלח גו׳ להורות לפניו גשנה, ברענגט רש״י אין נאָמען פון מדרש „לתקן לו בית תלמוד שמשם תצא הוראה״.

בשעת דער אויבערשטער האָט געהייסן יעקב׳ן גיין אין מצרים, האָט יעקב באַוואָרנט פריער — לפניו — אַז דאָרטן זאָלן זיין ישיבות. הגם דער אויבערשטער האָט אים צוגעזאָגט אַז ער וועט מיט אים מיטגיין, „אנכי ארד עמך מצרימה ואנכי אעלך גם עלה״, פונדעסטוועגן האָט יעקב זיך באַמיט צוגרייטען פריער ישיבות, און ערשט דאַן איז ער געגאַנגען אַהין מיטן אויבערשטן, ווייל ישיבות איז דער יסוד און דער קיום פון אידן.

און די ישיבות וואָס יעקב אָבינו האָט געגרינדעט, זיינען געווען די גאַנצע צייט וואָס אידן זיינען געווען אין מצרים, ווי די רז״ל [3] זאָגן: מימיהן של אבותינו לא פרשה ישיבה מהם, היו במצרים ישיבה עמהם, שנאמר [4] לך ואספת את זקני ישראל.

אין אַלע צייטן און אין אַלע ערטער וואו אידן זיינען געווען, אַפילו אין גלות מצרים, וואָס איז געווען זייער אַ שווערער גלות, זיינען געווען ישיבות וואו מען איז געזעסן און געלערענט תורה, ווייל, ווי געזאָגט פריער: ישיבות זיינען דער עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק.

2 ד. גלות מצרים איז געווען דער שווערסטער גלות פון אַלע גלות׳ן, אַפילו פון דעם איצטערדיקן גלות, מצד כמה ענינים:

א) גלות מצרים איז געווען נאָך פאַר מ״ת. הגם אַז אויך דעמאָלט האָט מען געלערענט תורה, ווי עס איז צו זען פון די פיל מאמרי רז״ל, אויך פון דעם מאמר גופא מימיהן של אבותינו לא פרשה ישיבה מהם, פונדעסטוועגן, וויבאַלד אַז די תורה וואָס זיי האָבן געלערנט איז געווען מיט זייער אייגענעם כוח, איז ווי הויך אַ נברא זאָל ניט דערלאַנגען — איז דאָס נאָר ביז שרש הנבראים, אָבער ניט העכער [5].

ב) גלות מצרים איז געווען דער ערשטער גלות ביי אידן, ובמילא איז דאָס געווען זייער שווער צו איבערטראָגן. ווי מיר זען אַז ווען עס טרעפט זיך ביי איינעם אַן אומגליק ר״ל, איז דעם ערשטן מאָל דאָס זייער שווער איבערצוטראָגן, אָבער אַז דער זעלבער אומגליק טרעפט זיך ביי אים נאָך אַמאָל ר״ל, איז שוין ניט אַזוי שווער, וואָרום ער איז שוין „איינגעוואוינט״ אין דעם.

ג) אין מצרים זיינען אַלע אידן געווען צוזאַמען. אין די שפעטערדיקע גלות׳ן איז צדקה עשה הקב״ה בישראל שפזרן לבין האומות [6]. אַז אידן געפינען זיך אין פאַרשידענע פלעצער, איז אַז מען פייניקט אידן אין איין פלאַץ קען מען דערווייל איבערכאַפּן דעם אָטעם אין אַ צווייטן פלאַץ, און אויך העלפן די אידן וואָס געפינען זיך אין דעם שווערן מצב. דאַקעגן אין מצרים זיינען אַלע אידן געווען אין איין פלאַץ און אונטער איין ממשלה.

3) יומא כח, ב.
4) שמות ג, טז.
5) זע אויבן עמוד 40 און ווייטער.
6) פסחים פז, ב.

**1 This week's Parsha speaks of Yakov** and his children going down to the land of Mitzrayim. As they were making their way there, Yakov sent Yehudah ahead of everyone else to prepare a Yeshivah in the land of Goshen, this way it would be ready by the time the others arrived. When Hashem instructed Yakov to go to Mitzrayim, he promised him that "I will go down with you and also go up (leave)". Thus, Yakov had Hashem's promise that he would be in Mitzrayim with the Jewish people during their time there. Despite this, Yakov made a point of ensuring that there will be Yeshivos open upon his arrival. Yakov understood that Yeshivas are the foundation of the Jewish people. Those Yeshivas that Yakov established remained throughout the entire duration of the exile in Egypt. Throughout all of the generations of the Jewish people, even during the time in Mitzrayim, a very difficult Golus, there were always Yeshivos where people sat and studied Torah. Yeshivas are the existence of the Jewish nation.

**2 The exile in Egypt was more difficult** than the present exile for a number of reasons. 1) Before the giving of the Torah on Har Sinai, any Torah that was learned had to be understood with a person's own power and thus had a limit to how high a level he could reach. Once the Torah was given, Hashem gave the Jewish people special power to reach even higher than their own capabilities. This shows us that although the Jewish people were indeed studying Torah in Mitzrayim, and that is what gave them vitality, it did not have the same influence that it had in later generations. 2) The exile in Mitzrayim was the first of all the exiles. It is well known that the first

## Translations. . .טייטש'ן

| | |
|---|---|
| **1** On | אויפ'ן |
| Brings | ברענגט |
| In the name | אין נאמען |
| To establish for him a house of study | לתקן לו בית תלמוד |
| That from there will come out instruction | שמשם תצא הוראה |
| Told | האט געהייסן |
| To go | גיין |
| Took care of first | באווארנט פריער |
| There | דארטן |
| Should be | זאל זיין |
| Go with (him) | מיטגיין |
| Nevertheless | פונדעסטוועגן |
| First tried to prepare | באמיט צוגרייטען פריער |
| Only then | ערשט דאן |
| Went | געגאנגען |
| Since | ווייל |
| Founded | געגרינדעט |
| The entire time | די גאנצע צייט |
| Yeshiva was never separated from them | לא פרשה ישיבה מהם |
| "Go and gather the elders of Israel" | לך ואספת את זקני ישראל |
| In all times | אין אלע צייטן |
| All places | אלע ערטער |
| Where | וואו |
| Very difficult | זייער א שווערער |
| Wherever they settled | וואו מען איז געזעסן |
| Like mentioned previously | ווי געזאגט פריער |
| Existence | עקזיסטענץ |
| Nation | פאלק |
| **2** Most difficult | שווערסטער |
| Present | איצטערדיקן |
| Even before the giving of the Torah | נאך פאר מ"ת |
| Also then | אויך דעמאלט |
| Like it can be seen | ווי עס איז צו זען |
| Many | פיל |
| Nevertheless | פונדעסטוועגן |
| Since | וויבאלד |
| With their own power | זייער אייגענעם כוח |
| However high | ווי הויך |
| Reach | דערלאנגען |
| Not higher | ניט העכער |
| First | ערשטער |
| Handle | איבערטראגן |
| It occurs | עס טרעפט זיך |
| A misfortune | אן אומגליק |
| Same | זעלבער |
| Accustomed | איינגעוואוינט |
| Later | שפעטערדיקע |
| Hashem did a kindness with the Jewish people that he spread them out throughout the nations | צדקה עשה הקב"ה בישראל שפזרן לבין האומות |
| Different places | פארשידענע פלעצער |
| Torture | פייניקט |
| Under | אונטער |

ד) מצרים איז געווען זייער אַ שווע־רע לאנד, אַז אפילו קיין עבד [7] האָט ניט געקענט אַנטלויפן פון דאָרטן, און דאָ האָבן געדאַרפט אַרויסגיין פון מצרים ששים רבוא לבד נשים וטף (זעקס מאָל הונדערט טויזנט אויסער פרויען און קינדער).

פונדעסטוועגן, ניט קוקנדיק אויף די אַלע שוועריקייטן, לא פרשה ישיבה מהם. עס זיינען געווען שטענדיק ישיבות אין וועלכע מען איז געזעסן און געלערנט תורה.

3 ה. מען האָט שוין גערעדט מע־רערע מאָל, אַז תורה איז ניט ח"ו קיין היסטאָריע־בוך, נאָר יעדער ענין און סיפור, אַפילו יעדער אות פון תורה, איז אַן אָנווייזונג אין יעדער צייט און אָרט.

פאַראַן אַזעלכע וואָס טענה'ן, אַז איצטער איז ניט קיין צייט פון ישי־בות, אין אַזאַ שווערן צושטאַנד איז גענוג אויך אַ תלמוד תורה, און אויב שוין יאָ ישיבות, איז אָבער ניט קיין ישיבות ווי אַמאָל, א. אַ. וו.

אויף דעם איז די הוראה פון גלות מצרים: דאָרט, אין מצרים, איז געווען אַ סך אַ שווערערער צושטאַנד ווי איצטער, און פונדעסטוועגן האָט מען ניט געמאַכט קיין חשבונות און מען האָט געלערנט תורה. נאָך מערער: ניט נאָר וואָס מען האָט ניט גע־מאַכט קיין חשבונות פון דעם שווערן מצב פון גלות, מען האָט אויך ניט געמאַכט קיין חשבונות וואוהין די תורה דערלאַנגט, צי אין שרש הגב־ראים צי העכער. היינט איצטער אַז דער גלות איז אַ סך גרינגער ווי דעמאָלט, און דער לימוד התורה איז אַ סך העכער ווי דעמאָלט, דאַרף מען אוודאי ניט מאַכן קיין חשבונות און עס דאַרפן זיין ישיבות.

4 ו. די זעלבע זאַך איז בנוגע אויס־האַלטן ישיבות: פאַראַן אַזעלכע וואָס טענה'ן אַז איצטער איז אים ענג — ענג אין קאָפּ און ענג אין קע־שענע, — אַז ער וועט אָפּעסן, אָפּ־טרינקען און אויסשלאָפן זיך, און עס וועט אים ווערן ברייטער אין קע־שענע, דעמאָלט וועט ער געבן אויף דער ישיבה, און ער וועט נאָך פּראַווען מסירת נפש, און געבן אויך זיינע קינדער אין ישיבה, ביז דרייצן יאָר.

דאַרף מען אים זאָגן: מצרים איז געווען אַ סך אַ שווערערער גלות. מען האָט אַפילו קיין אייגענע קש — שטרוי — ניט געהאַט און מ'האָט געדאַרפט אַרומגיין אין אַ פרעמדע מדינה זוכן שטרוי, בשעת די נוגשים זיינען געשטאַנען מיטן בייטש אי־בערן קאָפּ און איבער דער פּלייצע, און פונדעסטוועגן — קיין אייגענע שטרוי איז טאַקע ניט געווען, אָבער ישי־בות האָט מען אויסגעהאַלטן.

5 ז. אין גמרא [8] איז פאַראַן אַ קלער, וואו איז ערגער פאַרביי צו גיין — דורך אַ גאַס פון זונות אָדער פאַרביי אַן עבודה זרה. אין פלוג, דאַרף מען פאַרשטיין — מילא גיין פאַרביי זונות טויג ניט מצד ראי', וואָרום ראי' אַפילו אַן הרהור — איז מעורר

7) מכילתא. רש"י עה"ת שמות יח, ט.

8) ע"ז יז, א.

time a tragedy occurs, it is the most difficult to handle. If it happens again in the future, it is not as challenging as the first time. 3) In Mitzrayim, all of the Jewish people were there suffering together. In the other exiles, Hashem did a kindness to the Jewish people and spread them throughout all of the nations. This way, if a certain nation is oppressing the Jews under their jurisdiction, the Jews in the other areas of the world can provide assistance and support to those who are suffering. This was not the case in Mitzrayim. 4) The situation in Mitzrayim was very difficult. The Medrash says that it was impossible for even one servant to escape, and there were six hundred thousand grown men who were stuck there, plus all the women and children. Despite all of these hardships, the Jewish people made sure there were Yeshivas where people could sit and learn the holy Torah.

3 **As we have mentioned many times,** the Torah is not merely stories of the past. Every story the Torah tells, or even a single letter in the Torah, contains relevant messages for our personal lives. These lessons apply to all places and all times. Some people may be under the impression that times have changed and we no longer need Yeshivas like we used to. They think that because of the difficult challenges that are present, other types of schools will suffice. We must learn from the Jewish people in Mitzrayim. Despite all of their hardships and difficulties, they still remained strong in their commitment to study and teach Torah. They made no calculations as to whether their difficulties removed their responsibility to learn. Furthermore, they did not calculate which levels their Torah learning reached. (As we mentioned previously, the Torah learning of that time did not reach the levels it does now.) Certainly we cannot start to make calculations.

4 **The same applies regarding supporting** the Yeshivahs. Some people say that only after they deal with all of their own personal needs will they begin supporting the Yeshivahs. They say that first they must eat, drink, sleep, make money etc. and afterwards they will make a donation and perhaps even send their own children to the Yeshivah. We must tell these people that in Mitzrayim it was far more difficult than it is now. In Mitzrayim, they did not even have straw with which to make bricks. They were forced to search in for-

## Translations. . .טייטש'ן

| | |
|---|---|
| Run | אנטלויפן |
| Nevertheless | פונדעסטוועגן |
| Notwithstanding | ניט קוקנדיק |
| Always | שטענדיק |
| Sat | געזעסן |
| Spoke | גערעדט (3) |
| Many times | מערערע מאל |
| History book | היסטאריע-בוך |
| Lesson | אנווייזונג |
| Time | צייט |
| Place | ארט |
| There are those | פאראן אזעלכע |
| Situation | צושטאנד |

| | |
|---|---|
| Enough | גענוג |
| And so on | א.א.וו. (=און אזוי ווייטער) |
| Did not make | ניט געמאכט |
| Where | וואוהין |
| Reaches | דערלאנגט |
| Whether | צי |
| Much easier | א סך גרינגער |
| Support | אויסהאלטן (4) |
| Tight | ענג |
| Head | קאפ |
| Eat up | אפעסן |
| Drink up | אפטרינקן |
| Sleep well | אויסשלאפן |
| Wide | ברייטער |

| | |
|---|---|
| Until thirteen years old | ביז דרייצן יאר |
| Straw | שטרוי |
| Go around | ארומגיין |
| Stood | געשטאנען |
| Whip | בייטש |
| Shoulder | פלייצע |
| Inquiry | קלער (5) |
| Where is lower/worse | וואו איז ערגער |
| To pass by | פארביי צו גיין |
| Seemingly | אין פלוג |
| Doesn't fit | טויג ניט |
| Because | ווארום |
| Without | אן |

כידוע[9]), אָבער וואָס אַרט דאָס אַז ער וועט גיין פאַרביי אַן עבודה זרה? דער טעם פון ראי׳ איז דאָך דאָרטן ניט שייך, וואָרום וואָס וועט ער זען אויסער האָלץ און שטיינער? נאָר דער טעם איז: יעדער זאַך פועל׳ט אויף דעם אויר וואָס אַרום אים, און אין אַן אָרט וואָס ס׳איז פאַראַן טומ־אה, איז אין יענעם אויר דאָ המשכת הטומאה, און דער אויר קען פועל׳ן אויפן מענטשן[10]).

אַנטקעגן וואָס זאָג איך דאָס?

6 דער אויר פון גאַס, אַז איצטער איז ניט קיין צייט אויף ישיבות — האָט גע׳פועל׳ט אויך אויף אַ טייל תלמידי הישיבות.

עס זיינען דאָ תלמידים וואָס טע־נה׳ן, אַז זיי איז שווער צו לערנען ווי מען באַדאַרף, ווייל זיי מוזן זיך פריער פאַרזאָרגן מיט פרנסה. ער קען ניט לערנען רואיק, וואָרום עס דריקט אים שוין אין קאָפּ, מיט וואָס וועט ער מפרנס זיין די קינדער וואָס דער אויבערשטער וועט אים געבן נאָכדעם ווי ער וועט קומען צו דער צייט פון שידוכים, און מען וועט טאָן אין דעם, און ער וועט געפינען זיין בת גילו, און עס וועט זיין תנאים און דערנאָך חתונה און דערנאָך וועלן געבאָרן ווערן קינדער בשעה טובה ומוצלחת. אויך דאגה׳ט ער וואָס וועט ער זיי איבערלאָזן נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, ובמילא גייט ער שוין אַוועק אין גאַס — על כל פנים זיין כוח העמקה גייט אַוועק — און טראַכט וועגן „תכלית" פון פרנסה.

7 פון וואַנען קומט אַזאַ געפיל צו תלמידי הישיבות? — פון דעם אויר פון גאַס כנ״ל. וואָרום, כאָטש, דער רבי דער שווער האָט געזאָגט, אַז די אייז (אין אַמעריקע) האָט זיך שוין גערירט, אָבער פונדעסטוועגן איז פאַראַן אַ חילוק און אַ מרחק אין דעם אייז פון „זיך גערירט", ביז אַז עס זאָל זידן און קאָכן מיט דעם הוי׳ אלקיך אש אוכלה הוא[11]). דערצו זיינען נאָך אויך פאַרבליבן שיריים פון פריער, און דער סוג תלמידים כאַפּן פון די פריער־דיקע שיריים.

8 ח. אַ לימוד זכות איז טאַקע דאָ אויף זיי, אַז דאָס קומט פון דער אַטמאָספער פון דער סביבה כנ״ל, אָבער עס דאַרף דאָך ניט זיין אַזוי. און אויך אויף דעם איז דאָ אַ הוראה מהנ״ל:

אין מצרים איז אויסער דעם וואָס עס איז געווען זייער אַ שווערער גלות כנ״ל, איז מען געווען אַזוי שטאַרק דערדריקט אַז מ׳האָט גאָר ניט פאַרנומען אַ מחשבה וועגן אַרויס־גיין פון גלות. בשעת משה רבינו האָט אָנגעזאָגט די בשורת הגאולה איז — ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה[12]), און פונדעסט־וועגן, איז אפילו איידער משה איז געקומען און געזאָגט פקדתי, האָט מען ניט געטראַכט חשבונות, וואָס

9) משנה זבים פרק ב מ״ב. זע אויך קונטרס העבודה פ״ב.

10) וועגן דער ווירקונג פון לופט, זע אויך אין „היום יום" — יא טבת. „קובץ ליובאַוויטש" שנה ראשונה חוב׳ ד ע׳ 63.

11) דברים ד, כד.

12) שמות ו, ט.

eign places for straw, while the officers were standing over them with whips. Despite all this, they made sure the Yeshivahs stayed open.

5 **There is a dialogue in Gemara regarding** places that a person should not pass through. The Gemara discusses what would be worse for a person to pass, a place where people act inappropriately or a place of idol worship. At first glance it would seem that the place of idol worship is far better. When a person sees people behaving inappropriately he will be aroused to behave in a similar manner. When a person sees idols, on the other hand, all he is being exposed to is wood and stones. The reason why passing a place of idol worship is so bad is because the idols have a very negative effect on the atmosphere. When a person walks through that area, the impurity that comes as a result of the idols affects him in a bad way.

6 **The same concept applies to the atmosphere** that is found in the streets nowadays. The attitude towards Yeshivahs has affected the Yeshivah students themselves. They are convinced that they cannot commit themselves to Torah study because they must think about making money. They are worried about how they will support their wife and children once they are married. They are worried about what they will leave for their children as an inheritance once they pass on. Due to all of these worries, their mind is not found within their learning, but rather in the street.

7 **Where does such an attitude come** from? It comes from the atmosphere in the street. Although the Frierdiker Rebbe said "The ice in America has already moved" (the attitude has changed), there is a difference between "being moved" and being transformed into excitement and passion for spirituality. These Yeshivah students still are being affected by the attitude that one must place his career as their first priority.

8 **These students have an excuse for** such an attitude. The atmosphere that surrounds them affects them, but still it does not have to be this way. In Mitzrayim the Golus was so difficult that the Jewish people did not even entertain a thought about leaving. Even when Moshe Rabeinu came and told the Jewish people that they will be redeemed they did not believe him. Nevertheless, without thinking about their future or their fate, they insisted on keeping the Yeshivahs open. How much more so now, we must not think about what will happen in the future, rather we must commit ourselves to the study of Torah.

## Translations. . .טייטש'ן

| | | |
|---|---|---|
| | Besides | אויסער |
| | Wood and stones | האלץ און שטיינער |
| 6 | Against/ regarding what | אנטקעגן וואס |
| | A number | א טייל |
| | They must | זיי מוזן |
| | Worry | פארזארגן |
| | Peacefully | רואיק |
| | Afterwards | נאכדעם |
| | His match | זיין בת גילו |
| | Leave over | איבערלאזן |
| | Hundred and twenty years | הונדערט און צוואנציק יאר |
| 7 | From where | פון וואנען |
| | Feeling | געפיל |
| | Although | כאטש |
| | Ice | אייז |
| | Already moved | שוין גערירט |
| | Bubbling and cooking | זידן און קאכן |
| | Remained | פארבליבן |
| 8 | Atmosphere | אטמאספער |
| | Oppressed | דערדריקט |
| | From the shortness of breath and from difficult work | מקוצר רוח ומעבודה קשה |
| | Before | איידער |

וועט זיין דער „תכלית״, נאָר מ׳איז געזעסן אין ישיבות און געלערנט. איז מכל שכן איצטער דאַרף ניט איינגיין אין קאָפּ, „וואָס וועט זיין דער תכלית״, און מען דאַרף זיצן און לערנען ניט טראַכטנדיק קיין חשבונות.

9 ובפרט אַז איצטער איז די עבודה אַ סך אַ גרינגערע ווי דעמאָלט. ווי עס איז באַוואוסט[13] אַז ר״ב ניצוצות פון די רפ״ח ניצוצות שנפלו, האָט מען מברר געווען אין גלות מצרים, ווי עס שטייט וגם ערב ר״ב עלו אתם און עס איז געבליבן ניט מער ווי פ״ו ניצוצות בגימטריא אלקים, און אויך פון די פ״ו ניצוצות גופא, האָבן אידן במשך הזמן, מיט שווייס און מיט בלוט, אַ סך פון זיי מברר געווען, און ס׳איז געבליבן נאָר פּכים קטנים וואָס מ׳דאַרף מברר זיין.

ובמילא איז דאָך די עבודה אַ סך אַ לייכטערע, ווייל: א) עס איז געבליבן נאָר אַ מיעוט צו מברר זיין. ב) עס איז פאַראַן דער סיוע הניצוצות וואָס מ׳האָט שוין מברר געווען.

(משיחת ש״פ שמות, תשי״ג)

ט. עס שטייט אין כתבי האריז״ל[14], אַז דורך דעם „הא לכם זרע״ וואָס אין דעם איז אויך אָנגעדייט אַז יוסף האָט זיי געגעוויט מל זיין זיך, האָט מען מוסיף געווען חיות אין מצרים — קליפות, — ענין גלות מצרים. און אין הא לחמא עניא איז מרומז אויך די גאולה.

— דאָס איז אויך דער טעם וואָס נוסח האריז״ל אין דער פיסקא הא לחמא עניא איז — הא בצירי און ניט הָא בקמץ.

(דער חילוק פון הָא בקמץ ביז הא בצירי איז אויך אין פירוש: הָא (בקמץ) לחמא עניָא כו׳ איז דער טייטש: דאָס איז די לחמא עניָא וואָס אכלו אבהתנא בארעא דמצרים, און הא (בצירי) לחמא עניא כו׳ איז דער פשט: נאַט אייך[15] לחמא עניא).

י. בכדי צו פאַרשטיין ווי אַזוי דער „הא לחמא עניא״ איז אַ באַוואָרעניש און אַ תיקון אויף דעם „הא לכם זרע״, דאַרף מען פריער דערקלערן דעם ענין פון דעם קלקול — שאָדן — וואָס עס איז אַרויסגעקומען פון דעם וואָס יוסף האָט געזאָגט, הא לכם זרע.

אין פלוג איז דאָך ניט פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס האָט דער „הא לכם זרע״, וואָס יוסף האָט געזאָגט צו די מצריים, ניט געטויגט. על פי שכל דאַרף דאָך אויסקומען, אַז די הנהגה פון יוסף׳ן בכלל וואָס ער האָט געזאָגט הא לכם זרע, איז ניט נאָר וואָס עס האָט ניט געדאַרפט ברענגען קיין חסרון, נאָר אדרבה, נאָך אַ מעלה. אויסער דעם וואָס מיט דעם „ואת העם העביר״ גו׳ — איבערפירנדיק די מצריים פון איין אָרט צום צווייטן האָט ער אַראָפּגענומען די שאַנד פון זיינע ברידער, מען זאָל זיי ניט רופן גולים (גלות־מענטשן)[16], איז דאָך אויך ידוע אַז דער ענין פון יוסף ברוחניות איז

13) תורה אור ס, ג.

14) פע״ח שער החמ״צ פ״ו. סי׳ האריז״ל בהגדה.

15) אין מדרש לקח טוב צו ויגש מז, כג: הא לכם מלשון הליכי.

16) חולין ס, ב.

9 **The Avoda in our times is much easier** than it used to be. Two hundred and eighty eight spiritual sparks came down to this world for us to elevate. In Mitzrayim they elevated two hundred and two of them, with only eighty six remaining. Throughout the years of Jewish history, with blood and tears many those remaining eighty six have also been elevated. There remains only a small amount left for us to do. Additionally, those sparks that have already been elevated assist us with our present Avoda.

## Translations. . .טייטש'ן

Two hundred and two . . . . . ר"ב
Two hundred and eighty-eight . . . . . . . . . . . . . רפ"ח
Eighty six . . . . . . . . . . . . . . . . . . פ"ו
With sweat and blood . . . . . . . . מיט שוויים און מיט בלוט
A lot . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . א סך
Remained . . . . . . . . . . . . . געבליבן
Easier / lighter . . . . . . . . לייכטערע
Since/because . . . . . . . . . . . ווייל

ד) מצרים איז געווען זייער אַ שווערע לאנד, אַז אפילו קיין עבד[7] האָט ניט געקענט אַנטלויפן פון דאָרטן, און דאָ האָבן געדאַרפט אַרויסגיין פון מצרים ששים רבוא לבד נשים וטף (זעקס מאָל הונדערט טויזנט אויסער פרויען און קינדער).

פונדעסטוועגן, ניט קוקנדיק אויף די אַלע שוועריקייטן, לא פרשה ישיבה מהם. עס זיינען געווען שטענדיק ישיבות אין וועלכע מען איז געזעסן און געלערנט תורה.

ה. מען האָט שוין גערעדט מערערע מאָל, אַז תורה איז ניט ח"ו קיין היסטאָריע־בוך, נאָר יעדער ענין און סיפור, אַפילו יעדער אות פון תורה, איז אַן אָנווייזונג אין יעדער צייט און אָרט.

פאַראַן אַזעלכע וואָס טענה'ן, אַז איצטער איז ניט קיין צייט פון ישיבות, אין אַזאַ שווערן צושטאַנד איז גענוג אויך אַ תלמוד תורה, און אויב שוין יאָ ישיבות, איז אָבער ניט קיין ישיבות ווי אַמאָל, א. אַ. וו.

**אויף דעם איז די הוראה פון גלות מצרים: דאָרט, אין מצרים, איז געווען אַ סך אַ שווערערער צושטאַנד ווי איצטער, און פונדעסטוועגן האָט מען ניט געמאַכט קיין חשבונות און מען האָט געלערנט תורה. נאָך מערער: ניט נאָר וואָס מען האָט ניט געמאַכט קיין חשבונות פון דעם שווערן מצב פון גלות, מען האָט אויך ניט געמאַכט קיין חשבונות וואוהין די תורה דערלאַנגט, צו אין שרש הגנבראים צי העכער. היינט איצטער אַז דער גלות איז אַ סך גרינגער ווי דעמאָלט, און דער לימוד התורה איז אַ סך העכער ווי דעמאָלט, דאַרף מען אַוודאי ניט מאַכן קיין חשבונות און עס דאַרפן זיין ישיבות.**

ו. די זעלבע זאַך איז בנוגע אויסהאַלטן ישיבות: פאַראַן אַזעלכע וואָס טענה'ן אַז איצטער איז אים ענג — ענג אין קאָפּ און ענג אין קעשענע, — אַז ער וועט אָפּעסן, אָפּטרינקען און אויסשלאָפן זיך, און עס וועט אים ווערן ברייטער אין קעשענע, דעמאָלט וועט ער געבן אויף דער ישיבה, און ער וועט נאָך פּראַווען מסירת נפש, און געבן אויך זיינע קינדער אין ישיבה, ביז דרייצן יאָר.

דאַרף מען אים זאָגן: מצרים איז געווען אַ סך אַ שווערערער גלות. מען האָט אַפילו קיין אייגענע קש — שטרוי — ניט געהאַט און מ'האָט געדאַרפט אַרומגיין אין אַ פרעמדע מדינה זוכן שטרוי, בשעת די נוגשים זיינען געשטאַנען מיטן בייטש איבערן קאָפּ און איבער דער פּלייצע, און פונדעסטוועגן — קיין אייגענע שטרוי איז טאַקע ניט געווען, אָבער ישיבות האָט מען אויסגעהאַלטן.

ז. אין גמרא[8] איז פאַראַן אַ קלער, וואו איז ערגער פאַרבייי צו גיין — דורך אַ גאַס פון זונות אָדער פאַרביי אַן עבודה זרה. אין פלוג, דאַרף מען פאַרשטיין — מילא גיין פאַרביי זונות טויג ניט מצד ראי׳, וואָרום ראי׳ אַפילו אַן הרהור — איז מעורר

7) מכילתא. רש"י עה"ת שמות יח, ט.

8) ע"ז יז, א.

## A selected section of the Sicha with a linear translation

| | |
|---|---|
| did not make | ניט געמאכט |
| any calculations | קיין חשבונות |
| where the Torah | וואוהין די |
| learning was reaching | תורה דערלאנגט |
| Whether it is in the level of the source of the creations | צי אין שרש הנבראים |
| or whether it is in higher levels. | צי אין העכער |
| Now today, | היינט איצטער |
| when the Golus | אז דער גלות |
| is much easier | איז א סך גרינגער |
| than then | ווי דעמאלט |
| and the Torah learning | און דער לימוד התורה |
| is a lot higher | איז א סך העכער |
| than then | ווי דעמאלט |
| we must certainly not make | דארף מען אודאי ניט מאכן |
| any calculations | קיין חשבונות |
| and there must be | און עס דארפן זיין |
| Yeshivos. | ישיבות |

## Translations. . .טייטש'ן

| | |
|---|---|
| On/regarding this | אויף דעם |
| is the lesson | איז די הוראה |
| from Golus Mitzrayim: | פון גלות מצרים |
| There, in Mitzrayim, | דארט אין מצרים |
| was | איז געווען |
| a much more difficult situation | א סך א שווערערער צושטאנד |
| than now, | ווי איצטער |
| and nevertheless | און פונדעסטוועגן |
| they did not make | האט מען ניט געמאכט |
| any calculations | קיין חשבונות |
| and they learned Torah. | און מען האט געלערנט תורה |
| Furthermore, | נאך מערער |
| not only | ניט נאר |
| that they didn't make | וואס מען האט ניט געמאכט |
| any calculations | קיין חשבונות |
| about the difficult situation of Golus, | פון דעם שווערן מצב פון גלות |
| they also | מען האט אויך |

3 What affect does today's atmosphere have on Yeshivah students?

4 Why is the Avoda today so much easier than in previous generations?

1 What are four reasons why Mitzrayim was more difficult than any other Golus?

A. ______________________________

B. ______________________________

C. ______________________________

D. ______________________________

2 What lesson do we learn from the Yeshivos in Mitzrayim?

______________________________

______________________________

______________________________

______________________________

## Notes & Feedback:

BACK2**BASICS**

seeing the Parsha like the Rebbe does

Subscription or Sponsorship: B2BSICHOS@GMAIL.COM

Cover:
**Leibel Krinsky**

Content:
**Dovid Rachmani**

Layout:
**Menachem Aron**

© B2B Sichos